רומקאווסקיס רעדע צום פאַרזאַמלטן עולם דעם 4טן סעפטעמבער 1942.

[ז' 17]

— דעם געטאָ האָט געטראָפן אַ שווערער שמערץ. מען פאַרלאַנגט פון אים דאָס בעסטע וואָס עס פאַרמאָגט — קינדער און אַלטע מענטשן. איך האָב נישט געהאַט די זכיה צו האָבן אַן אייגן קינד און איך האָב דעריבער די בעסטע פון מיינע יאָרן אוועקגעגעבן דעם קינד. איך האָב געלעבט און געאָטעמט צוזאַמען מיט דעם קינד. איך האָב מיר קיינמאָל נישט פאָרגעשטעלט, אַז מיינע אייגענע הענט וועלן מוזן דערלאַנגען דעם קרבן צום מזבח. אויף מיינע אַלטע יאָרן מוז איך אויסשטרעקן מיינע הענט און בעטלען: „ברידער און שוועסטער, גיט מיר זיי אוועק! — טאַטעס און מאַמעס, גיט מיר אוועק אייערע קינדער"...

(אומגעהייערע און מוראַדיק געוויין צווישן דעם פאַרזאַמלטן עולם).

— איך האָב געהאַט דאָס פאָרגעפיל, אַז עפּעס גייט אויף אונדז. איך האָב זיך געריכט אויף עפּעס" און איך בין כסדר געשטאַנען ווי אַ שומר אויף דער וואַך, בכדי דעם דאָזיקן „עפּעס" אויסמיידן. איך האָב עס אָבער נישט געקענט, ווייל איך האָב נישט געוווּסט וואָס אונדז דרויעט [דראָט]. איך האָב נישט געוווּסט וואָס אונדז דערוואַרט.

— דאָס וואָס מען האָט צוגענומען די קראַנקע פון די שפּיטאָלן, דאָס איז פאַר מיר געווען לגמרי אַן אומסגעריכטע זאַך. דעם בעסטן סימן האָט איר: איך האָב דאָרט געהאַט אייגענע און נאָענטע און איך האָב פאַר זיי גאָרנישט געקענט טון. איך האָב געמיינט, אַז דערמיט וועט שוין נעמען אַ סוף, אַז נאָך דעם וועט מען אונדז שוין לאָזן במנוחה, אָט אַ די מנוחה וואָס נאָך איר לעכץ איך אַזוי שטאַרק, וואָס פאַר איר האָב איך תמיד געאַרבעט און געשטרעבט, האָט זיך אָבער אַרויסגעשטעלט, אַז אונדז איז עפּעס אַנדערש באַשערט געווען. אַזוי איז דאָך שוין דער מזל פון ייִדן: תמיד מערער און שווערער צו ליידן, בפרט אין מלחמה־צייט.

— נעכטן בייטאָג האָט מען מיר געגעבן אַ באַפעל אַרויסצושיקן עטלעכע און צוואַנציק טויזנט ייִדן פון געטאָ אַרויס, אויב נישט — „וועלן מיר דאָס טון". און עס האָט זיך געשטעלט די פראַגע: „צי האָבן מיר עס געדאַרפט איבערנעמען און עס אַליין טון, אָדער איבערלאָזן עס פאַר אַנדערע אויסצופירן?" — זייענדיק אָבער באַהערשט נישט פון דעם געדאַנק „וויפל וועלן גיין לאבוד", נאָר פון דעם געדאַנק „וויפל וועט מען קענען אָפּראַטעווען"? — זיינען מיר, ד"ה, איך, מיינע נאָענטסטע מיטאַרבעטער געקומען צו דעם אויספיר, אַז ווי שווער דאָס זאָל פאַר אונדז נישט זיין, מוזן מיר דעם אויספיר פון דער גזירה איבערנעמען אין אונדזערע הענט אַריין. איך מוז אַדורכפירן די דאָזיקע שווערע און בלוטיקע אָפּעראַציע — איך מוז אָפּשניידן איברים, בכדי צו דעראַטעווען דעם קערפּער!

— איך מוז נעמען קינדער, ווייל אויב נישט, קענען, חס ושלום, גענומען ווערן אויך אַנדערע... (מוראַדיקע יללות).

— איך בין אייך היינט נישט געקומען טרייסטן. איך בין אייך אויך היינט נישט געקומען באַרויקן, נאָר אויפצודעקן אייער גאַנצן צער און וויי. איך בין געקומען ווי אַ גזלן צוצונעמען ביי אייך דאָס בעסטע פון הינטער אייערע הערצער! איך האָב געפּרוּווט מיט אַלע יכולתן די גזירה אָפּצושרייען. איך האָב געפּרוּווט, נאָך דעם ווי אָפּשרייען איז אוממיגלעך געווען, זי צו מילדערן — נאָך דעם נעכטיקן טאָג האָב איך פאַראָרדנט אַ רעגיסטראַציע פון אַלע נייניעריקע קינדער — איך האָב געוואָלט, לכל הפחות אָפּראַטעווען

## SPEECH BY CHAIM RUMKOWSKI

4 SEPTEMBER 1942

### "GIVE ME YOUR CHILDREN!"

A grievous blow has struck the ghetto. They are asking us to give up the best we possess—the children and the elderly. I was unworthy of having a child of my own, so I gave the best years of my life to children. I've lived and breathed with children. I never imagined I would be forced to deliver this sacrifice to the altar with my own hands. In my old age I must stretch out my hands and beg: Brothers and sisters, hand them over to me! Fathers and mothers, give me your children!

[*Transcriber's note*—Horrible, terrifying wailing among the assembled crowd.]

I had a suspicion something was about to befall us. I anticipated "something" and was always like a watchman on guard to prevent it. But I was unsuccessful because I did not know what was threatening us. I did not know the nature of the danger. The taking of the sick from the hospitals caught me completely by surprise. And I give you the best proof there is of this: I had my own nearest and dearest among them, and I could do nothing for them.

I thought that that would be the end of it, that after that they'd leave us in peace, the peace for which I long so much, for which I've always worked, which has been my goal. But something else, it turned out, was destined for us. Such is the fate of the Jews: always more suffering and always worse suffering, especially in times of war.

Yesterday afternoon, they gave me the order to send more than 20,000 Jews out of the ghetto, and if not—"We will do it!" So, the question became: "Should we take it upon ourselves, do it ourselves, or leave it for others to do?" Well, we—that is, I and my closest associates—thought first not about "How many will perish?" but "How many is it possible to save?" And we reached the conclusion that, however hard it would be for us, we should take the implementation of this order into our own hands.

I must perform this difficult and bloody operation—I must cut off limbs in order to save the body itself!—I must take children because, if not, others may be taken as well, God forbid.

[Horrible wailing.]

I have no thought of consoling you today. Nor do I wish to calm you. I must lay bare your full anguish and pain. I come to you like a bandit, to take from you what you treasure most in your hearts! I have tried, using every possible means, to get the order revoked. I tried—when that proved to be impossible—to soften the order. Just yesterday I ordered a list of children aged

נאכגעבן. איינס איז מיר נאר געלונגען — אפצוראטעווע[illegible]י קינדער פון צען יאר און. זאל דאס זיין דער טרייסט אין אונדזער גרויסן צער.

— מיר האבן אין געטא א סך טובערקולאז קראנקע וואס זייערע לעבנס זיינען געציילט אויף טעג, אפשר גאר אויף וואכן. איך ווייס נישט — אפשר איז עס א טייוולאנישער פלאן, אפשר נישט — איך קען זיך אבער נישט איינהאלטן פון ארויסצוזאגן אים: „גיט מיר ארויס די דאזיקע קראנקע און אויף זייער ארט וועט מען קענען ראטעווען געזונדע". איך ווייס ווי טייער עס איז ביי יעדן זיין חולה אין שטוב, מכל־שכן נאך ביי יידן. אבער ביי יעדער גזירה, מוז מען דאך וועגן און מעסטן: ווער זאל, קען און מעג געראטעוועט ווערן? — און דער שכל־הישר איז דאך מחייב, אז געראטעוועט ווערן מוז דאס, וואס לאזט זיך ראטעווען און האט אויסזיכטן ניצול צו ווערן, און נישט דאס, וואס עס לאזט זיך סיי־ווי נישט ראטעווען...

— מיר לעבן דאך אין געטא, אונדזער לעבן איז דאך אזוי בצמצום, אז מיר האבן נישט גענוג אפילו פאר געזונדע, ומכל־שכן נאך פאר קראנקע. יעדער פון אונדז שפייזט דעם קראנקן אויפן חשבון פון זיין אייגענעם געזונט: מיר גיבן דעם קראנקן אוועק אונדזער ברויט. מיר גיבן אים אונדזער ביסל צוקער,

אונדזער שטיקל פלייש און דער פועל־יוצא איז, נישט נאר ווערט דער קראנקער דערפון געזונד, נאר מיר ווערן דערפון קראנק. אוודאי זיינען אזעלכע קרבנות די שענסטע און די איידלסטע. אין א צייט אבער ווען מען דארף ווילן: מקריב צו זיין דעם קראנקן, וואס נישט נאר ער האט אליין נישט די מינדסטע שאנסן געזונט צו ווערן, איז ער נאך עלול אנדערע קראנק צו מאכן, אדער אפראטעווען א געזונטן — האב איך זיך נישט לאנג געקענט אין דעם דאזיקן פראבלעם פארטיפן און איך האב אים געמוזט אנטשיידן לטובת דעם געזונטן. איך האב דעריבער אין דעם זין באאויפטראגט די דאקטוירים און זיי וועלן געצוווּנגען זיין ארויסצוגעבן אלע נישט אויסהיילבארע קראנקע, בכדי אויף זייער ארט צו קענען אפראטעווען געזונדע וואס ווילן און קענען נאך לעבן... (מוראדיק געוויין)

— איך פארשטיי אייך, מאמעס. איך זע גאנץ גוט אייערע טרערן. איך פיל אויך די הערצער פון אייך, טאטעס, וואס איר וועט מוזן תיכף צומארגנס, נאך דעם ווי מען וועט ביי אייך האבן אייער קינד אוועקגענומען, גיין צו דער ארבעט, בעת נעכטן ערשט האט איר זיך נאך געשפילט

[ז' 19]

מיט אייערע ליבע קינדערלעך. — איך ווייס דאס אלץ און איך פיל עס. זינט נעכטן 4 א זייגער, זינט איך האב זיך פון דער גזירה דערוווּסט, בין איך אינגאנצן איינגעבראכן. — איך לעב מיט אייער צער און עס פייניקט מיך אייער ווייי און איך ווייס נישט ווי אזוי און מיט וואסערע כוחות איך וועל עס קענען איבערלעבן. איך מוז אייך אויסזאגן א סוד: פארלאנגט האט מען 24 טויזנט קרבנות. דורך 8 טעג צו 3 טויזנט מענטשן, אבער עס איז מיר געלונגען אראפצוקוועטשן די צאל, ביז אויף צוואנציק טויזנט, אפילו ווייניקער ווי 20 טויזנט, נאר בתנאי, אז עס זאלן זיין קינדער ביז צען יאר. קינדער פון צען יאר און זיינען געזיכערט. היות די קינדער מיט די זקנים צוזאמען גיבן נאר א צאל פון לפי ערך 13 טויזנט נפשות, וועט מען מוזן דעם חסר ממלא זיין אויך מיט קראנקע.

עס איז מיר שווער צו ריידן. איך האב קיין כוחות נישט, איך וויל אייך נאר זאגן מיין בקשה וואס איך האב צו אייך: העלפט איר מיר אדורכצופירן די אקציע! — איך ציטער. איך שרעק זיך, אז אנדערע זאלן, חס ושלום נישט איבערנעמען דעם אדורכפיר אין זייערע הענט אריין...

... to save this one age group, the nine- to ten-year-olds. B[illegible] was not granted this concession. On only one point did I succeed, saving the ten-year-olds and up. Let this be a consolation in our profound grief.

There are, in the ghetto, many patients who can expect to live only a few days more, maybe a few weeks. I don't know if the idea is diabolical or not, but I must say it: "Give me the sick. In their place, we can save the healthy." I know how dear the sick are to any family, and particularly to Jews. However, when cruel demands are made, one has to weigh and measure: who shall, can and may be saved? And common sense dictates that the saved must be those who can be saved and those who have a chance of being rescued, not those who cannot be saved in any case.

We live in the ghetto, mind you. We live with so much restriction that we do not have enough even for the healthy, let alone for the sick. Each of us feeds the sick at the expense of our own heath: we give our bread to the sick. We give them our meager ration of sugar, our little piece of meat. And what's the result? Not enough to cure the sick, and we ourselves become ill. Of course, such sacrifices are the most beautiful and noble. But there are times when one has to choose: sacrifice the sick, who haven't the slightest chance of recovery and who also may make others ill, or rescue the healthy.

I could not deliberate over this problem for long; I had to resolve it in favor of the healthy. In this spirit, I gave the appropriate instructions to the doctors, and they will be expected to deliver all incurable patients, so that the healthy, who want and are able to live, will be saved in their place.

[Horrible weeping.]

I understand you, mothers; I see your tears, all right. I also feel what you feel in your hearts, you fathers who will have to go to work the morning after your children have been taken from you, when just yesterday you were playing with your dear little ones. All this I know and feel. Since four o'clock yesterday, when I first found out about the order, I have been utterly broken. I share your pain. I suffer because of your anguish, and I don't know how I'll survive this—where I'll find the strength to do so.

I must tell you a secret: they requested 24,000 victims, 3000 a day for eight days. I succeeded in reducing the number to 20,000, but only on the condition that these would be children below the age of ten. Children ten and older are safe. Since the children and the aged together equal only some 13,000 souls, the gap will have to be filled with the sick.

I can barely speak. I am exhausted; I only want to tell you what I am asking of you: Help me carry out this action! I am trembling. I am afraid that others, God forbid, will do it themselves....

עס שטייט פֿאַר אײַך אַ צעבראָכענער ייִד. זײַט מיר נישט מקנא. עס איז די שווערסטע גזירה וואָס איך האָב, ווען עס איז, געהאַט אַדורכצופֿירן. איך שטרעק צו אײַך אויס מײַנע צעבראָכענע, ציטערדיקע הענט און איך בעטל: גיט אויף מײַנע הענט די קרבנות, בכדי דורך זיי צו פֿאַרהיטן די ווײַטערדיקע קרבנות, בכדי צו שיצן אַן עדה פֿון הונדערט טויזנט ייִדן. — אַזוי האָט מען מיר צוגעזאָגט: אויב וועלן מיר אַליין צושטעלן אונדזערע קרבנות, וועט זײַן רויִק... (עס הערן זיך אויסגעשרייען: „אַלע וועלן מיר גיין"; „הער פּרעזעס, זאָל מען נישט צונעמען קיין איינציקע קינדער — זאָל מען נעמען צו איינצלנע קינדער בײַ אַזעלכע וואָס האָבן עטלעכע!"...) — דאָס זײַנען פּוסטע פֿראַזעס! — איך האָב נישט קיין כּחות מיט אײַך צו פֿירן דיסקוסיעס! — אויב וועט קומען ווער פֿון דער מאַכט, וועט קיינער נישט שרײַען... —

איך פֿאַרשטיי וואָס עס הייסט אָפּרײַסן אַן אבֿר פֿון גוף. איך האָב נעכטן, אויף די קניִען האָב איך געבעטן, אָבער עס האָט נישט גענוצט. פֿון קליינע שטעטלעך,

וואָס האָבן פֿאַרמאָגט 8-7 טויזנט ייִדן, זײַנען אַהערגעקומען קוים טויזנט. וואָס בכן איז בעסער? — וואָס פֿאַרלאַנגט איר: איבערלאָזן 90-80 טויזנט ייִדן, אָדער אַלעמען, חס ושלום פֿאַרניכטן?... — משפּט איר ווי איר ווילט, מײַן חובֿ איז אָפּצוהיטן די רעשט ייִדן. איך רייד נישט צו היצקעפּ — איך רייד צו אײַער פֿאַרשטאַנד און געוויסן. איך האָב אַלץ געטון און וועל אויך ווײַטער אַלץ טון, אַבי נישט דערלאָזן אַרײַנצופֿירן געווער אין די גאַסן און עס זאָל זיך בלוט גיסן... די גזירה האָט זיך נישט געלאָזט אָפּשרײַען; זי האָט זיך נאָר געלאָזט אָפּקוועטשן.

מען דאַרף האָבן אַ האַרץ פֿון אַ גזלן, בכדי צו פֿאַרלאַנגען דאָס וואָס איך פֿאַרלאַנג פֿון אײַך. שטעלט זיך אָבער אַוועק אין מײַן לאַגע און דענקט לאָגיש און איר אַליין וועט קומען צו דער מסקנא, אַז אַנדערש האַנדלען קען איך נישט, ווײַל די ציפֿער פֿון דעם טייל וואָס קען געראַטעוועט ווערן, איז אַ סך גרעסער פֿון דעם טייל וואָס מוז אָפּגעגעבן ווערן.

— — — — — — — — — — — — —

A broken Jew stands before you. Do not envy me. This is the most difficult of all the orders I've ever had to carry out at any time. I reach out to you with my broken, trembling hands and I beg: Give into my hands the victims, so that we can avoid having further victims, and a population of a hundred thousand Jews can be preserved. So they promised me: if we deliver our victims by ourselves, there will be peace....

[Shouts: "We all will go!" "Mr. Chairman, an only child should not be taken; children should be taken from families with several children!"]

These are empty phrases! I don't have the strength to argue with you! If the authorities were to arrive, none of you would shout.

I understand what it means to tear off a part of the body. Yesterday I begged on my knees, but it didn't work. From small villages with Jewish populations of seven to eight thousand, barely a thousand arrived here. So which is better? What do you want: that eighty to ninety thousand Jews remain, or, God forbid, that the whole population be annihilated?

You may judge as you please; my duty is to preserve the Jews who remain. I do not speak to hotheads. I speak to your reason and conscience. I have done and will continue doing everything possible to keep arms from appearing in the streets and blood from being shed. The order could not be undone; it could only be reduced.

One needs the heart of a bandit to ask from you what I am asking. But put yourself in my place, think logically, and you'll reach the conclusion that I cannot proceed any other way. The part that can be saved is much larger than the part that must be given away.